# פארענדיגן האלץ-פלארס מיט זיכערהייטס

קלויבט אויס און באנוצט
די ריכטיגע פאליורעטין

**א וועג-ווייזער צו געזונטע היימען**

TAKE CARE NEW YORK

NYC Health

nyc.gov/health

כדי צו באשיצן זיך אליין, אייער
משפחה און אייערע שכנים,
קלויבט אויס א וואסער-באזירטע
פאליורעטין פראדוקט און
פאלגט פארזיכטיג אויס דעם
פאבריקאנט'ס אנווייזונגען.

**רופט 311** *פאר אנדערע געזונטע היימען וועג-ווייזער*

EHS1324052 - 05.07 - YIDDISH

נוצט די טאבעלע זיי צו פארגלייכן. אינדיווידועלע פראדוקטן אונטערשיידן זיך שטארק אין דויערהאפטיגקייט, קאליר און אנשמירן גרינגקייט.

## וואס איז דער פראבלעם מיט אויל-באזירטע אדער מויסטשער קיור יוריטהאנס?

ביז עס טרינקט זיך אויס, גיבן די פראדוקטן ארויס זייער שטארקע גאזן אין די לופט וועלכע אנטהאלטן שעדליכע געגנשטאנדן, ווי למשל טוליון דיסאסיאנעט (TDI), זיילין, איטהייל בענזין, נאפטא און אנדערע פעטראליום מאטעריאלן.

אפילו בלויז א קורץ קאנטאקט מיט העכערע שטאפלן פון אויל-באזירטע און מויסטשער קיור יוריטהאן גאזן קען באדראען אייער געזונט דורך:

- צושטאנד ברענגן אסטמא אטאקעס.
- קראצענ׳דיגע אויגן, נאז און האלז.
- צושטאנד ברענגן קאפ ווייטאג און קאפ דרייעניש.

## נישט רעקאמענדירט פארן באנוץ אין באוואוינטע געביידעס!

די גערוכן פון אויל-באזירטע און מויסטשער קיור יוריטהאנס צעשפרייטן זיך גרינג פון צימער צו צימער און אפילו פון איין דירה צו דער צווייטער דירה. די גערוכן קענען אנהאלטן עטליכע טעג צייט.

כדי צו באשיצן זיך אליין, אייער משפחה און אייערע שכנים:

- **שמירט נישט** קיין אויל-באזירטע אדער מויסטשער קיור יוריטהאנס אין קיין באוואוינטע הויז, דירה אדער געביידע.
- בלייבט אינדערויסן פון אייער היים פאר צוויי טאג נאכדעם וואס דער פראדוקט איז אנגעשמירט געווארן, ביז ווילאנג דער גערוך לאזט נאך.

| אויל-באזירט | מויסטשער קיור |
|---|---|
| שטארק | שטארק |
| 3 ביז 8 שעה | 4 ביז 16 שעה, געוואנדן אין דער נאסקייט |
| מיטל-מעסיג | הויך |

קט פאבריקאנט אדער דיסטריביוטער די "מאטעריאל זיכערהייט אינפארמאציע צעטל" (MSDS).



## א סאך מענטשן נוצן פאליורעטין באשמירונג צו פארשליסן און באשיצן האלצערנע פלארס.

אלע פאליורעטינס אנטהאלטן כעמיקאלן וואס קענען זיין שעדליך. כדי צו באשיצן זיך אליין, אייער משפחה און אייערע שכנים:

- קלויבט אויס דעם ריכטיגן פראדוקט פאר'ן היים באנוץ.
- פאלגט פארזיכטיג אויס די אנווייזונגען פון פאבריקאנט.
- נוצט גענוג לופטיגונג.
- סיי ארבייטער און סיי די מענטשן וואס טוען די ארבייט אליין זאלן נוצן באשיצער ווי למשל מאסקס און הענטשוך.
- אויב איר דינגט א מומחה, שמועסט דורך די רעקאמענדאציעס פון דעם בראשור.

## וועלכן פראדוקט זאל איך קויפן?

בדרך כלל זענען פאראן דריי סארטן פאליורעטינס. געוויסע סארטן זענען מער זיכער ווי אנדערע.

### פאליורעטין סארטן

| | וואסער-באזירט |
|---|---|
| גערוך | מילד |
| צייט צו טרוקענען | 2 ביז 3 שעה |
| פייער סכנה | נידריג |

אינדיווידועל'ע פראדוקטן קענען זיין אנדערש. פאר מער אינפארמאציע, פארלאנגט פונעם פראדו